פרשת נח
תשע"ו

שנה א' - גליון ה'

# גליון עוללות הכרם

א אוצר פון דברי תורה און
דערציילונגען פון צדיקים

מכון כרם בית שמואל אלכסנדר

יו"ל בס"ד ע"י
מכון כרם בית שמואל
שע"י חסידי אלכסנדר
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## מכרם רבותינו

פון אונזער הייליגער וויינגאָרטען

### אִישׁ צַדִּיק תָּמִים הָיָה בְּדֹרֹתָיו

#### העלפן א צווייטער איד

די תורה הקדושה זאגט אויף נח "אִישׁ צַדִּיק תָּמִים הָיָה בְּדֹרֹתָיו" אז ער איז געווען א צדיק 'אין זיין דור', און **רש"י** ברענגט צוויי פשטים, עס זענען דא וואס דרש'ענען און לויבן נח אז די תורה מיינט צו זאגן "אפילו אין זיין שוואכע דור איז ער געווען א צדיק" און אויב ער וואלט געלעבט אין א דור פון צדיקים וואלט ער געווען נאך א גרעסערע צדיק, און עס זענען דא וואס דרש'ענען דעם פסוק לִגְנַאי, און זיי זאגן פארקערט, בעצם איז נח נישט געווען אזא צדיק, נאר "לויט זיין דור איז ער געווען א צדיק", ווייל נאר צווישן רשעים קען מען איהם רעכענען פאר א צדיק אבער אויב ער וואלט געווען אין די צייטן פון אברהם אבינו, וואלט ער נישט געווען פארערכנט פאר א צדיק.

און מען דארף פארשטיין די וואס דרש'ענען נח לגנאי, פארוואס זאגן זיי אזא פשט ווען מען קען דאָך לערנען 'לְשְׁבַח' און אויסלויבן נח אויף זיין צִדְקוּת. נאר, עקלערט **דער אלטער רבי - רבינו הק' רבי יחיאל זי"ע**, אז די וואס דרש'ענען לגנאי האבן געהאט א קושיא אויף נח'ן. די תורה הק' זאגט אויף איהם אז ער איז געווען א צדיק, אבער עס שטייט אויך ווייטער אין פסוק "אֶת הָאֱלֹקִים הִתְהַלֶּךְ נֹחַ" אז נח איז געגאנגען נאר מיט'ן אייבישטער אליין, און ער האט זיך נישט אויסגעמישט מיט מענטשן, ער האט נישט מוסר געזאגט און משפיע געווען אויף אנדערע אז זיי זאלן אויך זיין גוט, נאר נח איז שטענדיג געגאנגען אליינ'ס מיט'ן אייבישטער - את האלקים, און געטוהן מצוות און מעשים טובים צווישן זיך און הקב"ה. אויף דעם איז שווער, ווי קומט דאס צו א צדיק אז ער האט נאר זיך אינזינען און ער טוט נישט פאר אנדערע, הַיִתָּכֵן אז מען לאזט דעם דור טוהן שלעכטע מעשים און מען פרובירט זיי נישט צו העלפן און זיי ברענגן צו תשובה.

אויף דעם ענטפערן זיי, אז "נאר לויט זיין דור איז ער געווען א צדיק", דוקא אין אזא שלעכטע און פאַרדאָרבּענע דור האט נח געמוזט גיין אין זיין אייגענער וועג און זיך נישט אויסמישן צווישן מענטשן, און ער האט זיך נישט געמעגט חבר'ען מיט זיי, ווייל א שלעכטער חבר קען ח"ו שאַטן פאר א איד, און ער קען איהם אריינשלעפן אין זיין נעץ, און דעריבער האט נח נישט געקענט זיין נאענט און גוט מיט די מענטשן פון זיין דור. "אבער אויב ער וואלט געווען אין די צייטן פון אברהם אבינו, וואלט דאס נישט געווען די ריכטיגע וועג פאר א צדיק זיך צו פירן" נאר דעמאלט'ס וואלט ער דַוְקָא זיך יא געמוזט אויסמישן מיט'ן דור און זיי העלפן און מוסר זאגן אז זיי זאלן תשובה טוהן.

און **דער אלטער רבי זי"ע** פירט אויס **"פון דעם דארף א איד נעמען א מוּסַר הַשְּׂכֵּל און זעהן אז מען דארף זיך באהעפטן צו אנדערע אידן און ליב האבן יעדער איד און זעהן מיט וואס ער קען נאר גוט'ס טוהן און העלפן פאר א צווייטער איד ברוחניות און בגשמיות"**. ווייל דאס זעהן מיר ביי נח, אז ווען די מענטשן אין זיין דור וואלטן נישט געווען אזוי שלעכט, וואלט ער זיי געמוזט ארויסהעלפן און טוהן וואס ער קען אז זיי זאלן תשובה טוהן. (ספה"ק ישמח ישראל א')

### וַיִּפְתַּח נֹחַ אֶת חַלּוֹן הַתֵּבָה

#### נח האט געשפאלטן דעם הימל

דער הייליגער **חיד"א** שרייבט אין זיין ספר **מִדְבַּר קְדֵמוֹת**, אז ווי באקאנט איז דורך אונזערע עבירות באשאפן געווארן א מויער און א מחיצה וואס טוט אפהאקן צווישן אונז און דער הימל ח"ו, אבער די צדיקים זיי האבן א כח צו שפּאַלטן דעם מויער און צו עפענען פענסטער'ס אינ'ם וואַנט, און אזוי קענען ארויפגיין אונזערע תפילות אין הימל. און דער חיד"א לייגט צו, אז די צדיקים וואס טוען מצוות און מעשים טובים ווי עס דארף צו זיין, זיי האבן א כח פון עפענען גרויסע 'פענסטער'ס' אינ'ם מויער, אבער איינער וואס איז נישט אזא צדיק און זיינע מצוות זענען נישט בִּשְׁלֵימוּת, דער קען נאר מאכן א קליינע 'שְׁפַּאלְט' אינ'ם מויער, ווי עס איז מרומז אינ'ם פסוק (שיר השירים ב') "מַשְׁגִּיחַ מִן הַחֲלֹּנוֹת מֵצִיץ מִן הַחֲרַכִּים" ווייל חֲלֹנוֹת איז טייטש פענסטער'ס, און חֲרַכִּים מיינט שפאלטענעס, און דאס איז מרמז אויף ביידע וועגן וויאזוי מען קען עפענען דעם מויער צום הימל.

מיט די הקדמה איז מסביר **דער ישמח ישראל זי"ע** וואס עס שטייט ביי נח "וַיִּפְתַּח נֹחַ אֶת חַלּוֹן הַתֵּבָה" אז נח האט זוכה געווען צו מאכן א 'פענסטער' צום הימל און שפאלטן דעם מויער דורך זיינע תפילות.

(ספה"ק ישמח ישראל ט')

## עבודה שבלב

### יעדעס ווארט זאל לייכטען

די **ספרים הקדושים** ברענגן בשם **דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע**, אויף די ווערטער "צֹהַר תַּעֲשֶׂה לַתֵּבָה" אז דאס גייט ארויף אויפ'ן דאווענען פון א איד, ווייל 'תיבה' קען אויך מיינען 'א ווארט' וואס מען זאגט מיט'ן מויל. זאגט דער בעש"ט אז א איד דארף באלייכטען זיינע ווערטער ווי א דיימאנט, אז יעדעס ווארט תורה און תפילה וואס קומט ארויס פון זיין מויל זאל געזאָגט ווערן ערליך און מיט כוונה, און עס אזל זיין א נחת רוח פאר'ן אייבישטער.

### מאכן א וואוינונג פאר הקב"ה

ענדליך צו די ווערטער פונ'ם **בעש"ט**, טייטשט **דער הייליגער קדושת לוי זי"ע** דעם פסוק "קִנִּים תַּעֲשֶׂה אֶת הַתֵּבָה", דאס ווארט 'קִנִּים' איז א לשון פון א וואוינונג און א נעסט, אזוי ווי 'קַן צִיפּוֹר'. און דאס זאגט אונז די תורה הקדושה, **אז א איד דארף דאווענען אויף אזא אופן, אז דורך זיין תפלה זאל ער מאכן א וואוינונג פאר הקב"ה אויף דער וועלט, אז די שכינה הק' זאל קומען רוען און וואוינען ביי איהם.**

### אריינקומען אין די ווערטער

**דער הייליגער חידושי הרי"ם פון גור זי"ע** האט נאָכגעזאָגט בשם **דער בעל שם טוב זי"ע**, אויפ'ן פסוק "בֹּא אַתָּה וְכָל בֵּיתְךָ אֶל הַתֵּבָה" אז א איד דארף 'אריינקומען' אין די ווערטער פון דאווענען, דאס הייסט אז ער זאל זיך באַהעפטן און ווערן אנגעקניפט מיט יעדעס ווארט וואס ער דאווענט פאר'ן הייליגער באשעפער, דורך אינזין האבן און אריינלייגען זיין גאנצע כח אינ'ם דאווענען, דורכדעם 'קומט מען אריין' אין די ווערטער.

**דער שפתי צדיק פון פילץ זי"ע** (אן אייניקל פונ'ם חידושי הרי"ם) לייגט צו א רמז, אז מיר געפונען אז נח האט געברענגט די בעלי חיים צום תיבה און יעדער בעל חי וואס די תיבה האט 'אריינגענומען' אין זיך האט נח געוויסט אז זי איז טהור, און די לשון פון חז"ל איז "כָּל שֶׁהַתֵּיבָה קוֹלְטָתוֹ טָהוֹר". טייטשט דער **שפתי צדיק** "דער ווען די ווערטער פון תורה און תפלה נעמען איהם אריין אין זיך, אז ער באהעפט זיך צו די ווערטער דורכ'ן אינזין האבן מיט זיין גאנצע כח, **איז ער זוכה צו באקומען פון די הייליגע ווערטער א פינק פון קדושה און טהרה, און ער באקומט א ברען און התלהבות דורך די הייליגע ווערטער**".

# פירותיך מתוקים

דברי תורה אויף פרשת השבוע און ענינא דיומא

### אֵלֶּה תּוֹלְדֹת נֹחַ נֹחַ אִישׁ צַדִּיק

**דער יוד הקדוש פון פרשיסחא זי"ע** האט אמאל מוסר געזאגט פאר די חסידים, אז דער סדר פון די וועלט איז, אז א מענטש ווערט איינגעזינקען אין גשמיות און ער איז עוסק אין עניני עולם הזה, און ער פאַרענטפערט זיך מיט א טענה "אז ער טוט דאס פאר די קינדער" זיי צו קענען געבן געלט כדי זיי זאלן קענען זיצען און לערנען און דינען דעם אייבישטער מיט הרחבת הדעת און אָהן קיין שטער. דערווייל ווען דאס קינד וואקסט אויף, לאזט ער אויך איבער די תורה און ער וואַרפט זיך אריין אינגאנצען אין גשמיות און ער פאַרגעסט זיין תכלית אויף דער וועלט, און ער פאַרגעסט אז זיין טאטע האט דאָך אלע יארן זיך אָפּגעמוטשעט כדי ער זאל קענען דינען דעם אייבישטער, און אנשטאָט דעם ארבעט ער אויך, און ער זאגט די זעלבע תירוץ "אז ער טוט דאס פאר זיינע קינדער" אז זיי זאלן קענען טוהן דעם רצון ה' און איהם דינען אָהן קיין שטער. און אזוי ריקען זיך די דורות, איין דור נאך די צווייטע, און שטענדיג ווערט יעדער פארנומען מיט גשמיות און עולם הזה, כדי אז 'זיינע קינדער' זאלן דינען דעם אייבישטער, און יעדער פארגעסט פון זיך אליינס.

האט דער **יוד הקדוש** געזאגט "**ווען וועט מען שוין זעהן דאס ריכטיג קינד" דער קינד וואס וועט שוין טאקע דינען דעם אייבישטער, פאר וועמען יעדער האט אזוי שווער געאַרבעט און געהאָרעוועט...**

דאס קען זיין פשט אין פסוק "אֵלֶּה תּוֹלְדֹת נֹחַ" אז אויסער פאר די קינדער, האט נח אויך זיך אליינס אינזין געהאט, און ער האט אליין געדינט דעם אייבישטער, און ער האט זיך געזאָרגט פאר זיך אליינס אז ער זאל בלייבן "נֹחַ אִישׁ צַדִּיק" און ער האט עוסק געווען אין עבודת ה', און זיך נישט פאַרלאָזט אויף זיינע קינדער אז זיי וועלן דינען דעם אייבישטער, נאר ער איז אליין געווען "דאס ריכטיג קינד".

(בית יעקב, אלכסנדר)

---

### וַיָּבֹא נֹחַ וּבָנָיו... אֶל הַתֵּבָה מִפְּנֵי מֵי הַמַּבּוּל

**רש"י** זאגט "אַף נֹחַ מִקְּטַנֵּי אֲמָנָה הָיָה, מַאֲמִין וְאֵינוֹ מַאֲמִין שֶׁיָּבֹא הַמַּבּוּל וְלֹא נִכְנַס לַתֵּיבָה עַד שֶׁדְּחָקוּהוּ הַמַּיִם". אז נח איז געווען פון די קליינע גלייבער'ס אין אייבישטער ח"ו, ער האט אביסל יא געגלייבט און אביסל נישט געגלייבט אז עס גייט קומען א מבול, און דעריבער איז ער נישט גלייך אריין אין די תיבה, ווילאנג די וואסער איז שוין ממש געקומען און דעמאלט'ס האט ער געמוזט אריינגיין. די ספרים הק' פרעגן וויאזוי קען מען זאגן אויף נח אז ער איז געווען פון די 'קְטַנֵּי אֲמָנָה' און ער האט ווייניג געגלייבט אין אייבישטער ח"ו.

**הרה"ק רבי יצחק - דער אלטער רבי פון ווארקא זי"ע** איז מסביר אז פשט אין רש"י דארף מען זעצן די ווערטער אנדערש און זאגן אזוי: "אַף נֹחַ מִקְּטַנֵּי אֲמָנָה הָיָה מַאֲמִין" נח האט געגלייבט אפילו אין די גאָר שוואכע אידן וואס גלייבן נישט אין אייבישטער, און ער האט די גאנצע צייט געהאָפט אז זיי וועלן נאך תשובה טוהן, און דעריבער "וְאֵינוֹ מַאֲמִין שֶׁיָּבֹא הַמַּבּוּל" ער האט נישט געגלייבט אז עס גייט קומען א מבול, ווייל די רשעים גייען נאך תשובה טוהן. נאר ווען ער האט געזעהן אז דאס וואסער קומט שוין, דעמאלט'ס האט ער נישט געהאט קיין ברירה און ער האט געמוזט אריינגיין אין תיבה.

(נפלאות חדשות)

---

### וּמוֹרַאֲכֶם וְחִתְּכֶם יִהְיֶה עַל כָּל חַיַּת הָאָרֶץ

**דער הייליגער תפארת שלמה** טייטשט, אז לויט ווי שטארק א איד האט מורא פונ'ם אייבישטער און ער פירט זיך ערליך מיט יראת שמים, אזוי האבן אלע באשעפענישן פון די וועלט מורא פון איהם און זיי וועלן איהם נישט קענען קיין שלעכטס טוהן. און דאס זאגט דא דער פסוק "וּמוֹרַאֲכֶם וְחִתְּכֶם" (ביידע זענען א לשון פון מורא און פַּחַד) לויט אייער יראת שמים און מורא פאר'ן אייבישטער, אזוי וועט אויך זיין "עַל כָּל חַיַּת הָאָרֶץ" אז אלע חיות וועלן ציטערן פון אייך, לויט ווי שטארק איר ציטערט פונ'ם אייבישטער.

(תפארת שלמה)

### אֶת שֵׁם אֶת חָם וְאֶת יָפֶת

מען דערציילט אז אין **קאצק** איז אמאָל געווען א יונגערמאן וואס עס זענען ארומגעגאַנגען קלאַנגען אויף איהם אז ער איז נישט אזוי ערליך, ער זעהט אויס פרום פון אינדרויסן אבער אינעווייניג איז ער שוין נישט די זעלבע ווי אמאל, און ער איז געפאַלן אין יראת שמים. זיינע חברים די חסידים האבן איהם פרובירט מְקַרֵב צו זיין דורך איהם אריינעמען אין זייער חבורה און זיך האלטן גוט מיט איהם, אזוי ארום וועט זיי געלונגען איהם צוריק צו הייבן, אבער עס איז זיי נישט געלונגען, און דער יונגערמאן האט זיך נישט געהאלטן ביים טוישן.

האט **דער קאצקער רבי - הרה"ק רבי מנחם מענדל זי"ע** געזאגט, אז מיר געפונען אין פסוק ווערט אויסגערעכנט די דריי קינדער פון נח - שם, חם, און יפת, און לכאורה איז שווער ווייל חם איז דאָך געווען דער אינגסטער פון אלע, אויב אזוי פארוואס ווערט ער דערמאנט פאר יפת. נאר דער תירוץ איז -האט דער **קאצקער רבי** געזאגט- זעהט אויס אז שם מיט יפת האבן געזען אז חם טויג נישט און ער פירט זיך נישט ערליך, און דעריבער האבן זיי איהם אריינגענומען אין זייער חבורה צווישן זיך, און ממילא שטייט ער טאקע צווישן שם און יפת, אבער עס האט גארנישט געהאלפן, **ווייל חם בלייבט חם אפילו ווען ער געפינט זיך צווישן צדיקים.**

(יגדיל תורה)

# אוצר הכרם



## אן אוצר פון ידיעות, הלכות, און מנהגים בענינא דיומא

### די טויבן היטן שבת

אין פסוק ווערט דערציילט אז נח האט געשיקט א יונה צו זעהן אויב די וואסער האבן שוין נאָכגעלאזט, און די תורה זאגט "וַתָּבֹא אֵלָיו הַיּוֹנָה לְעֵת עֶרֶב וְהִנֵּה עֲלֵה זַיִת טָרָף בְּפִיהָ" אז די יונה איז צוריקגעקומען אין אווענט מיט א בלעטל אין מויל.

אין **ספר דברי שאול** פון **דער לעמבערגער רב - הגאון רבי יוסף שאול נאטאנזאהן זצ"ל,** ברענגט ער א געוואלדיגער חידוש וואס עס שרייבט **רבי יעקב עמדין** (דער יעב"ץ) אז די טבע פון א יונה איז אז זי היט שבת און זי רייסט נישט אראָפּ קיין בלעטער וואס זענען באַהאָפטן צום בוים אום שבת. און דערמיט איז מסביר דער דברי שאול אז די מעשה פון נח מיט'ן יונה איז געווען אום שבת אזוי ווי עס שטייט אין **מדרש** (ווי אויך אין די זמירות געפונען מיר יוֹנָה מָצְאָה בוֹ מָנוֹחַ) **און דעריבער האט די יונה נישט אפגעריסן א בלעטל אום שבת, נאר געווארט ביז ביינאכט, און נאר דעמאלט'ס 'לְעֵת עֶרֶב' איז זי צוריקגעקומען מיט א בלעטל אין מויל.**

### דער סימן פון א רעגנבויגן

מיר געפונען אז נאכ'ן מבול האט דער אייבישטער געמאכט א בּוּנד מיט נח אז ער וועט מער נישט ברענגן קיין מבול אויף די וועלט, נאר אנשטאָט דעם וועט מען זעהן א סימן פון א רעגנבויגן אויפ'ן הימל, ווי די פסוק זאגט "אֶת קַשְׁתִּי נָתַתִּי בֶּעָנָן".

דער **רמב"ן** עקלערט פשט פון דעם סימן, ווייל אמאָליגע צייטן ווען צוויי לענדער האבן שלום געמאכט צווישן זיך נאָך א מלחמה, האט יעדער איינער גענומען זיין פייל און בויגן און אויסגעדרייט פארקערט, און אנשטאט צו ווייזן די פיילן און די רינדעכיגע זייט פונ'ם בויגן צו יענעם - ווי די סדר איז צו טוהן ווען מ'וויל שיסן אויף יענעם - דרייט מען עס אויס פאַרקערט, און מען ווייזט איהם די אינעווייניגסטע זייט (די צוויי עקן און די שטריק) ארויסצוברענגן דערמיט אז מען גייט מער נישט מלחמה האלטן, נאר לעבן אין פרידן. דאס זעלבע איז מיט'ן קֶשֶׁת אין הימל, אז עס באווייזט זיך שטענדיג מיט די צוויי עקן אראפ צו דער ערד, און די רינדעכיגע זייט איז אויסגעדרייט צום הימל, ווייל הקב"ה ווייזט אונז מיט דעם א סימן פון פרידן אז ער וועט מער נישט מלחמה האלטן און חרוב מאכן די וועלט ח"ו.

# הילולא דצדיקא



כ"ק מרן רבינו
**רבי יחיאל מנחם**
**זינגער זי"ע**

## דער רבי זכרונו לברכה

יארצייט:
**ו' מרחשון תשמ"ט**

**רבינו יחיאל מנחם זי"ע** איז געבוירן געווארן אין יאהר תרע"ט אין שטאט **אלכסנדר** צו זיין פאטער **רבי יעקב שרגא פייביל זינגער זצוקללה"ה הי"ד**, וואס איז שפעטער געווען דער רב אין שטאט **אסטראוו** אין פולין. רבי יעקב שרגא פייביל איז געווען דער עלטסטער אייניקל פון **רבינו הק' דער תפארת שמואל זי"ע** (רבי יעקב שרגא פייביל איז געווען א זוהן פון הגה"ק רבי יצחק מאיר זינגער זצוקללה"ה הי"ד - דער אלכסנדר רב, וואס איז געווען אן איידעם ביים תפארת שמואל).

ווי אויך איז דער רבי זי"ע געווען אן אייניקל פון די הייליגע **ווארקא** און **אמשינאווע צדיקים זי"ע** פון זיין מוטער'ס זייט, ווייל זיין מאמע די **רעביצין יוטא הי"ד** איז געווען א טאכטער פון **דער אמשינאווער רבי הרה"ק רבי יוסף זי"ע**.

דער רבי זי"ע איז אויפגעוואקסן אין זיינע קינדערישע יארן אינ'ם אלכסנדר הויף. אין אלכסנדר זענען געווען ספעצילע מלמדים וואס האבן זיך אפגעגעבן מיט'ן לערנען און מחנך זיין די אייניקלעך פון די רבי'ס זי"ע. די קינדער זענען געווען איינגעטיילט אין קליינע גרופעס, און צוזאמען האבן זיי געלערנט ביי די מלמדים וואס זענען געווען אויסדערוועלטע און חשוב'ע חסידים.

אין זיינע גאר יונגע יארן האט נאך זיין עלטער זיידע דער הייליגער **תפארת שמואל** געלעבט, און דער רבי זי"ע האט נאך אפילו געדענקט זיין לעכטיגע צורה. דערנאך האט ער זיך געווייקט ווייטער ביי זיין הייליגער פעטער **דער לעצטער רבי - רבינו הק' רבי יצחק מנחם זי"ע**, און שפעטער אויך געלערנט אין דער **אלכסנדר ישיבה "בית ישראל"** וואס איז געווען אונטער די פירערשאפט פונ'ם לעצטער רבי זי"ע.

שווארצע וואלקענעס האבן זיך פארשפרייט איבער די הימלען און עס האט אויסגעבראכן די צווייטע וועלט מלחמה, ווייניג אידן האבן דעמאלט'ס געוואוסט און באַגרייפט די גרויסה צרה וואס קומט אויף כלל ישראל. אבער דער אסטראווער רב רבי יעקב פייביל האט תיכף באפוילן פאר זיין זוהן יחיאל מנחם וואס איז דעמאלט'ס געווען א בחור, אז ער זאל אנטלויפן פון פוילן און גיין קיין **ווילנא**, און דארט זאל ער זוכן שוץ און טרעפן א וועג ארויס צו א פארזיכערטע אָרט.

כאטשיג דער רבי זי"ע איז נאך דאן געווען א בחור און ער איז געווען שטארק צוגעבינדען צו זיין משפחה, דאָך האט ער מקיים געווען כיבוד אב און גענומען דעם וואנדער-שטעקן אין די הענט אריין, און ער האט זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג איינער אליין קיין ווילנא. אין פאַקט האט דאס גראטעוועט זיין לעבן ווען פון די גאנצע משפחה איז קיינער נישט געבליבן, און נאר ער האט איבערגעלעבט די מלחמה אויף א וואונדערליכע אופן. פון דער גאנצער אלכסנדר הויף און די גאלדענע קייט, איז איבערגעבליבן נאר דער רבי זי"ע אן איינציגער צווייג פון דעם הייליגן בוים.

אין ווילנא האט זיך דער רבי געטראפען מיט זיין עלטער פעטער (זיין זיידע רבי יוס'לע אמשינאווער'ס ברודער) **הרה"ק רבי שמעו'לע אמשינאווער זי"ע**, און מיט איהם אינאיינעם איז ער אנטלאפן פון אייראפע. די גאנצע וועג איז געווען פיל מיט ניסים ונפלאות (ווי עס וועט דערציילט ווערן בעזהשי"ת אין אַן אנדערע געלעגנהייט), און צוזאמען מיט זיין פעטער איז דער רבי זי"ע אנגעקומען קיין **שאַנְכַיי** וואס געפונט זיך אין יאפאן, וואס דארט אהין זענען אנגעקומען רוב אידן וואס זענען אנטלאפן פון ווילנא, און צווישען זיי אויך די תלמידים פון די **מיר'ער ישיבה** אין ליטא, וואס זענען אנגעקומען קיין שאַנְכַיי.

פון דארט האבן זיי געוואַנדערט ווייטער קיין אמעריקא, ווי רבי שמעו'לע האט זיך גאר שטארק אפגעגעבן מיט'ן רבי'ן זי"ע, און איהם געפירט אונטער די חופה מיט תבלחט"א **די רעביצין תליט"א** - א טאכטער פונ'ם **סאדאווונער רב הגאון הצדיק רבי ישראל יעקב טאַפּאָלא זצללה"ה** וואס איז געווען פון די גרויסע אלכסנדר חסידים אין פוילן.

אין יענע תקופה נאך די מלחמה, ווען די וועלט פון תורה און חסידות איז געווען כמעט אינגאנצן חרוב און פארטריקנט, האבן מערערע פארבליבענע פולישע חסידים שטארק געבעטן דעם רבי זי"ע אז ער זאל נעמען אויף זיך דעם עוֹל פון פירן דעם ציבור און אז ער זאל ווערן אלכסנדר רבי, צווישן זיי איז אויך געווען רבי'ס און רבנים וואס האבן געוואלט אז דער רבי זי"ע זאל צוריקקערן די אלכסנדר קרוין און פּראַכט צו איר אמאָליגער שיינקייט און גלאַנץ דרוכ'ן אויפשטעלן אלכסנדר חסידות און מוסדות אין אמעריקא, אבער דער רבי מיט זיין גרויס עניווּת האט יעדעם קאטעגאריש אפּגעזאגט, און ער האט בכלל נישט געוואלט הערן פון אזא געדאנק אז ער זאל גאר ווערן א רבי.

אנשטאָט דעם האט דער רבי אויסגעקליבן אנצוגיין מיט זיין צניעות און פַּשְׁטוּת, און אנטלאָפן פון יעדער ברעקל כבוד וואס מ'האט איהם געוואלט צוטיילן. שטענדיג האט ער עוסק געווען אין צדקה וחסד אויף א באשיידענעם און אופן, און ער האט מְחַזֵק געווען צובראכענע הערצער מיט זיין ווארימקייט און געפיל צו יעדעם איינעם. זיין יראת שמים און איידלקייט זענען געווען ברייט באַקאַנט, כאָטש ער האט זיך געפירט ווי א מענטש צווישן מענטשן און קיינמאָל נישט געזוכט ארויסצושטיין. ער האט שטענדיג געהיטן זיינע אויגן ווי ער איז געגאנגען, און נישט געגאנגען אין איבעריגע פלעצער ווי ער האט נישט געדאַרפט, ווי למשל איינצוקויפן אין א געשעפט וכדומה. ווי אויך זיין שמירת הלשון איז געווען אויף א געוואַלדיגע פאַרנעם, ער האט שטענדיג זיך געהיטן דאס מויל, און נישט געלאזט אנדערע רעדן קיין לשון הרע און רכילות.

אין די שפעטערע יארן ווען חסידים ואנשי מעשה האבן איהם גאר שטארק געמוטשעט אז זיי ווילן זיך מְקַשֵׁר זיין און באהעפטן צו איהם, האט ער -נישט האבנדיג קיין בְּרֵירָה- גענומען אויף זיך דעם עול און מסכים געווען צו ווערן רבי. במשך די יארן האט דער רבי זי"ע געגרינדעט **דאס בית המדרש אין בארא פארק**, אינאיינעם מיט א **כולל** פאר יונגעלייט צו לערנען, ווי אויך דער **שטיבל אין בני ברק**, און נאָכדעם די **ישיבה תפארת שמואל ד'אלכסנדר**, וואס טראגן אויף זיך די הייליגע נעמען פון רבותינו הק' מאלכסנדר זי"ע.

דער רבי זי"ע האט געהאט נאָנטע באציאונגען מיט מערערע צדיקים און גדולים אין זיין צייט, און האט זיך מבטל געווען פאר יעדעם מיט א געוואלדיגע עניוות און הכנעה. א ספעציעלער קשר האט דער רבי זי"ע געהאט מיט זיין קרוב **כ"ק אדמו"ר רבי מאיר'ל אמשינאווער זי"ע** פון ארץ ישראל (א זוהן פון זיין עלטער פעטער רבי שמעו'לע). ווען רבי מאיר'ל איז געקומען קיין אמעריקא איז ער איינגעשטאנען ביים רבי'ן אין שטוב, און האט דארט אפילו געפירט זיינע טישן.

חודש אייר תשל"ו צוויי וואכן איידער רבי מאיר'ל איז נפטר געווארן, פונקט דאן האט זיך דער רבי זי"ע געגרייט צו מאכן א נסיעה קיין פוילן אויף קברי צדיקים, ווען רבי מאיר'ל האט איהם געבעטן אז אויפ'ן וועג זאל ער אויך קומען קיין ארץ ישראל ווייל ער וויל זיך מיט איהם עפעס איבערשמועסן וואס ער קען נישט רעדן צו קיין צווייטן... דער רבי איז טאקע געפארן קיין ארץ ישראל און איז געגאנגען באזוכן רבי מאיר'ל אין שפיטאָל ווי זיי האבן געשמועסט צווישן זיך עטליכע שעה, איידער זיי האבן זיך געזעגענט.

סוף ימיו איז דער רבי זי"ע שטארק נישט געזונט געווארן, און קורצע צייט איז ער נפטר געווארן **ו' מרחשון תשמ"ט** זייענדיג זיבעציג יאהר אלט. דער רבי איז געקומען לקבורה אין די אלכסנדר חלקה אינ'ם בית החיים אין ניו דזשורזי, און אויף זיין מציבה האט מען נישט געשריבן קיין שבחים אזוי ווי די אלכסנדר רבי'ס האבן מקפיד געווען.

נאך די שלשים פון די פטירה, איז די הנהגה אריבער צו בנו ממלא מקומו - **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**, וואס האט גענומען אויף זיך די הייליגע הנהגה, און פירט ווייטער דאס אלכסנדר חסידות וואס האט זיך הערליך פאַרברייטערט און געוואַקסן במשך די יארן עד ביאת גואל צדק במהרה בימינו אמן.

# נוטעי הכרם



## א 'חסיד' פון רבי רבי בונם

נאך א פינטל אין די גרויסע 'התקשרות' (-צוגעבינדנקייט) פון **רבי שרגא פייביל** צו זיין רבי'ן, האט זיך ארויסגעוויזן אין די שטורמישע צייטן פון **פרשיסחא**. געווען איז דאס אין א תקופה ווען אסאך אנדערע חסידים האבן גערעדט לשון הרע אויף די פרשיסחא חסידים און געזאגט אז זיי האבן זיך געמאכט א נייע וועג, און זיי לאַכן חלילה אפ פון אלע אנדערע צדיקים און גדולים. ווי אויך האבן דערגרייכט די קלאנגען צו די אויערן פונ'ם **הייליגער אפטער רב - דער בעל אוהב ישראל זי"ע**, וואס איז דעמאלט'ס געווען פאררעכנט אלס דער עלטסטער רבי און צדיק פון די תלמידי הבעל שם טוב זי"ע אין זיין דור. דעריבער ווען עס איז פאַרגעקומען די גרויסע חתונה פון אן אייניקל פון אפטער רב זי"ע אין די שטאט **אוסְטִילָא** - באקאנט אלס די גרויסע 'אוסטילער חתונה' ווי עס האבן אנטייל גענומען גאר אסאך רבי'ס און צדיקים פון יענע צייט, האט דער הייליגער רבי רבי בונם געשיקט עטליכע פון זיינע תלמידים זאלן גיין צו די חתונה און זיך אָננעמען פאר זיין הייליגער וועג, און זיך פאַרענטפערן און עקלערן פאר'ן אפטער רב זי"ע אז די אלע רייד זענען פאַלש, און אז די פרשיסחא חסידים דינען דעם אייבישטער און גייען ווייטער אין די וועגן פון די **תלמידי הבעל שם טוב זי"ע**.

צווישען די אויסדערוועלטע תלמידים וואס זענען דעמאלט'ס געפארן קיין אוסטילא, איז אויך געווען רבי שרגא פייביל, וואס דער רבי רבי בונם האט איהם געשיקט אלס 'חסיד' אז ער זאל זיך אָננעמען אויף זיין רבי'נס כבוד. [אויף יעדער איינער פון די דאזיגע תלמידים וואס דער רבי רבי בונם האט דעמאלט'ס געשיקט, האט ער זיך אויסגעדריקט מיט אַן אנדערע טיטל פארוואס ער שיקט איהם, און רבי שרגא פייביל האט ער אנגערופען זיין 'חסיד'].

• פרק ד' •

## רבי שרגא פייביל אלס רב

ווי שוין פריער דערציילט, האט דער **רבי רבי בונם זי"ע** באפוילן פאר זיין תלמיד רבי שרגא פייביל אז ער זאל לערנען 'הוֹרָאָה' און ווערן א רב. אין יענע תקופה האט מען געזוכט א רב אין שטאט **'שֶׁעפְּס'** אין פוילן וואס זאל קענען פירן דעם שטאט, און מען האט אנגעטראגען דעם פאָסטן פאר רבי שרגא פייביל. דער צדיק **רבי נתן פון מאקאווא** (רבי נָתְ'קע - ווי מען האט איהם גערופען, איז געווען אן איידעם ביי הרה"ק רבי חיים חייקא פון האַמדור זי"ע פון די גרויסע תלמידים פונ'ם מעזריטשער מגיד זי"ע) האט שטארק געראָטן פאר די אידן פון שעפס אז זיי זאלן אויסוועלן רבי פייביל אלס רב, זייענדיג א גרויסער צדיק וואס וועט אין אייך אריינשיינען יראת שמים און געטליכקייט. און רבי נָתְ'קע האט זיי דעמאלט'ס געזאגט אז עס שטייט אין די תורה אין פרשת שופטים "שֹׁפְטִים וְשֹׁטְרִים תִּתֶּן לְךָ בְּכָל שְׁעָרֶיךָ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ" מען דארף אויפנעמען אזעלכע שופטים און רבנים "אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ" וואס זיי געבן דיר דעם אייבישטער, און זיי ברענגען אז די שכינה הקדושה זאל רוען ביי אייך, **"און דאס וועט איר האבן ביי רבי פייביל"** האט רבי נָתְ'קע געזאגט. און אזוי איז טאקע רבי פייביל געקרוינט געווארן צום ערשט אלס רב אין שטאט שעפס.

למעשה איז געווען גאר שווער פאר רבי פייביל דאס רבנות דארט, ווייל אין שעפס האבן געוואוינט גאר אסאך 'מִתְנַגְּדִים' וואס האבן פיינט געהאט די חסידים און זיי שטענדיג מצער געווען, וויבאלד זיי זענען געווען דאס מערהייט פון שטאט מער ווי די חסידים. אויך דעם נייעם רב רבי פייביל האבן זיי גע'רודפ'ט און שווער געמאכט דאס לעבן וויבאלד ער איז דאך אויך געווען א חסיד. רבי פייביל איז געווען צובראכן פון די צרות וואס די מתנגדים אין זיין שטאט האבן איהם צוגעטיילט, און ער האט געוואלט פארלאזן דעם שטאט, אין אנהייב האט דער רבי רבי בונם איהם געבעטן אז ער זאל זיך נישט אומקוקען אויף די שוועריגקייטן, און ער זאל ווייטער פארבלייבען אין שטאט, אבער נאך געציילטע וואכן האט רבי פייביל געשפירט אז ער טראגט שוין נישט אריבער די רדיפות, און ער האט פארלאזט דער שטאט.

## די רדיפות אלס אן עונש

ביי א געלעגנהייט האט רבי פייביל זיך אויסגעדריקט אז דאס איז איהם געקומען אלס אן עונש פון הימל, ווייל מיט יארן פריער האט ער גורם געווען צער פאר א געוויסער רבי, און דערפאר איז ער יעצט באשטראפט געווארן. וויאזוי האט רבי פייביל 'גורם' געווען צער פאר א רבי?, די מעשה איז געווען אזוי: ווען רבי פייביל האט בר מצוה געהאט, האט ער געזאגט זיין 'פשעטל' אין בית המדרש שבת קודש פאר'ן ליינען אזוי ווי עס איז געווען דער מנהג, און טייל פון די פארזאמלטע וואס זענען געקומען הערן זיין פשעטל זענען געווען לובלינע חסידים, וואס האבן געדאווענט אינ'ם לובלינער שטיבל אין ווארשא, און ווען ער האט געענדיגט זאגן דאס פשעטל זענען זיי געגאנגען זיך שטעלן דאווענען אין זייער שטיבל (זיי האבן נאך געהאלטן פאר'ן דאווענען, ווייל אין די שטאטישע שוהלן האט מען געדאווענט פרי, און די חסידים האבן געדאווענט שפעטער, זענען זיי געגאנגען פאר'ן דאווענען הערן זיין פשעטל, און אין שטיבל האט מען געווארט ביז זיי האבן זיך צוריקגעקערט כדי אנצופאנגען דאס דאווענען). פונקט אין יענער שבת איז געווען א רבי וואס איז געקומען קיין ווארשא, און ער האט געוואלט הערן קריאת התורה אינ'ם לובלינער שטיבל וואס איז געווען נעבן זיין אכסניא דארט, אבער צוליב די פארשפעטיגונג פון די אידן וואס זענען געקומען פון דעם בר מצוה בחור'ס פשעטל, איז אויסגעקומען אז דער רבי האט געדארפט ווארטן א לענגערע צייט צו קענען הערן דאס ליינען, און דער רבי האט געהאט צער פון דעם און ער האט מקפיד געווען אז מען לאזט איהם ווארטן אזוי לאנג...

זעהט'ס ווי ווייט איז די גרויסקייט פון צדיקים -האט **דער הייליגער ישמח ישראל** געזאגט ווען ער האט אמאָל דערציילט די מעשה- **רבי פייביל האט נישט געפונען קיין שום אנדערע עבירה אין וואס אנצוהענגען זיינע רדיפות און יסורים וואס ער האט געליטן פון די מתנגדים, נאר דאס וואס איינער איז אמאָל געטשעפעט געווארן און געהאט 'חלישות הדעת' דורך מענטשן וואס זענען געקומען שפעט דורך זיין פשעטיל אלס בר מצוה בחור!**

## אלס רב אין גריצא

קורצליך דערנאך איז רבי פייביל געווארן אויפגענומען אלס רב אין **'גְרִיצָא'** ווי דארט האט ער געדינט א לאנגע תקופה אלס רב פון שטאט, ווי ער האט טאקע געקענט אריינשיינען אין אידישע הערצער און אויפטוהן אסאך פאר די אידן פון שטאט. און אויפ'ן נאמען פון דעם שטאט איז טאקע געבליבן זיין נאמען פאַרהייליגט אויף אייביג אלס "גריצער רב", כאטשיג וואס ער האט נאכדעם געדינט אין נאך צוויי שטעט אלס רב, ווערט ער אבער שטענדיג דערמאנט מיט דעם נאמען, און ווי מען האט איהם גערופען ביי חסידים "רבי פייביל'ע גריצער".